**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/28/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט רעקארד צאל פון פאסאנזשירן אויף סאָבוועי און OMNY באניצער אויף סאָבוועי'ס 118'טע געבורטסטאג**

***סאָבוועי האט געבראכן די רעקארד פאר א וואכנטאג דורכאויס די פאנדעמיע מיט 3.879 מיליאן פאסאנזשירן דעם דאנערשטאג, אקטאבער 27***

***OMNY האט געבראכן די רעקארד מיט 1.476 מיליאן מאל וואס סאָבוועי פאסאנזשירן האבן זיך באנוצט דערמיט דעם דאנערשטאג, אקטאבער 27***

***[זעהט די טעגליכע פאסאנזשירן ציפערן]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) האט געבראכן די רעקארד פון די צאל פאסאנזשירן אין די תקופה פון די פאנדעמיע נעכטן, דאנערשטאג, אקטאבער 27, מיט 3,879,400 פאסאנזשירן, איבערשטייגנדיג די פאריגע רעקארד וואס איז געשטעלט געווארן מיטוואך, סעפטעמבער 21. אין צוגאב איז OMNY אנגעקומען צו א רעקארד-הויכע צאל סאָבוועי 'טעפּס' פון 1.476 מיליאן — צוויי רעקארדס לכבוד 'סאָבוועי דעי', א טאג וואס ווערט געפייערט דורך די MTA אין עהרע פון ניו יארק סיטי'ס סאמע ערשטע סאָבוועי רייזע אום אקטאבער 27, 1904.

פריער דעם וואך האט די MTA [אנאנסירט]() די פארברייטערונג פון OMNY צו פאסאנזשירן וועלכע באקומען דיסקאַונטס, ווערנדיג די ערשטע גרויסע טראנספארטאציע סיסטעם צו אפפערן פאר מענטשן וואס צאלן ווייניגער צו קענען באצאלן מיט פערזענליכע טעלעפאנען. אין בלויז פיר טעג זענען איבער 1,300 פאסאנזשירן וועלכע צאלן ווייניגער אריבערגעגאנגען פון MetroCard צו OMNY, ברענגנדיג די סך הכל צו כמעט 2,800 פאסאנזשירן וועלכע צאלן ווייניגער און נוצן OMNY, אריינרעכענענדיג די וועלכע האבן זיך באטייליגט אין די ערשטע ארויסגעגעבענע ווערסיע.

"אויף איר 118'טע געבורטסטאג איז די סאָבוועי סיסטעם צוריק און בעסער פון סיי ווען בעפאר", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין באגייסטערט צו זעהן די אנגייענדע וואוקס אין די צאל פאסאנזשירן און די וואקסנדע באקאנטשאפט מיט OMNY. מיר קוקן ארויס צו זעהן אנגייענדע וואוקס אזוי ווי די האלידעי סעזאן דערנעענטערט זיך, און באזיכער און לאקאלע איינוואוינער אויסנוצנדיג אלעס וואס ניו יארק האט צו אפפערן נוצנדיג די ביליגסטע און מערסטע ענווייראמענט-פריינטליכע וועג צו פארן — פובליק טראנספארטאציע."

**ניו יארק סיטי טראנזיט פרעזידענט ריטשארד דעיווי האט געזאגט,** "בלויז דעם פארגאנגענעם מיטוואך האב איך מיטגעטיילט אז די אלגעמיינע צופרידנהייט ראטע איבער די טראנספארטאציע ערפארונג איז היסטאריש הויך. זיך צוהערן צו פאסאנזשירן וועט זיין די שליסל צו אונזער הצלחה. מיר

ווייסן אז זיי ווילן א שנעלערע, ריינערע און זיכערערע ערפארונג, און מיר ארבעטן געגוי דערויף כדי צו מאכן טראנספארטאציע פאר די ערשטע אויסוואהל."

**צייטווייליגע MTA טשיעף קאסטומער אפיסער, דזשין ריבעראָו, האט געזאגט,** "מער און מער מענטשן ווערן געוואויר פון OMNY און שליסן זיך אן מיט די הונדערטע טויזנטע ניו יארקער וועלכע האבן דאס אויסגעוועהלט אלץ זייער וועג פון צאלן. עס איז די שנעלסטע און גרינגסטע וועג פאר טראנספארטאציע פאסאזשירן צו באצאלן פאר זייער רייזע אויף סאָבוועיס און באסעס. מיר האבן לעצטנס פארברייטערט די 'טעפ און גיי' סיסטעם אויך פאר פאסאזשירן וועלכע דארפן צאלן וויניגער, און איך קוק ארויס צו זעהן מער פאסאזשירן אויסנוצנדיג די באקוועמליכקייט פונעם צאלן 'קאַנטעקטלעס'."

פאסאזשירן וועלכע צאלן א נידעריגערע פרייזן קענען אריבערגיין פון MetroCard צו OMNY דורך די אינטערנעט גרינגערהייט מיט די OMNY דיגיטאלע אסיסטענט, אוועילעבעל 24/7 אויף [OMNY.info](https://omny.info) — א ווידעאו מיט אנווייזונגען פאר פאסאזשירן וועלכע ווילן אריבערגיין צו OMNY קען געזעהן ווערן [דא](#).

דאס באנוץ מיט OMNY זעצט פאר צו וואקסן אריבער די גאנצע ניו יארק סיטי טראנספארטאציע סיסטעם. אום סעפטעמבער 15 האט די MTA רעקארדירט די 500 מיליאנסטע OMNY 'טעפ' ביי גרענד צענטראל טערמינאל. נאכן ארויסקומען אין 2019 אין א פילאט פאזע פאר די פובליק איז די אינסטאלאציע פון די קאנטאקטלאזע סיסטעם געענדיגט געווארן אין דעצעמבער 2020, מיט אלע 472 סאָבוועי סטאנציעס און אלע פון די 5,800 MTA באסעס יעצט זייענדיג אויסגעשטאט מיט בערך 15,000 OMNY לייענער מאשינען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](https://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418